LIVING TORAH

# פרשת תצוה

**בס"ד. משיחת יו"ד שבט ה'תשמ"ג.**

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

ס'איז דאך באוואוסט בנוגע צו דעם בעל ההסתלקות וההילולא, אז גלייך קומענדיק אהערצו, אין ארצות-הברית, איז פון די ערשטע זאכן וואס ער האט געזאגט, אז ער איז געקומען כדי צו באווארענען און מדגיש זיין און מעורר זיין און מעודד זיין אז "אמעריקע איז ניט אנדערש". און דערפאר – האט ער דערנאך ממשיך געווען – וועט ער ממשיך זיין אין די פעולות וכולהו, ווי ער האט דאס געטאן מעבר לים.

וואס ס'איז דאך דא אזוינע וואס פרעגן די שאלה:

דער קומען זיינער אין ארצות הברית איז דאך געווען דערפאר וואס ער האט געדארפט אוועקפארן, על-פי ההשגחה העליונה, פון יענער זייט ים, וואס דארט איז דאך געווען דעמאלט די ממשלה פון די נאציס וכולהו, כידוע די פרשת הדברים ווי אזוי ער איז פון דארט אוועקגעפארן, מיט די נסים, מיט דער לעצטער שיף וואס איז אפגעפארן פון דארטן וכולהו,

דאס הייסט, אין אנדערע ווערטער, אז פארוואס איז ער געקומען? – דערפאר וואס אמעריקע איז אנדערש, און דא קאן מען ניצול ווערן אויך בדרך הטבע, אין לבושי הטבע [וואס דער אויבערשטער וויל אז די הצלה זאל גיין אויך דורך לבושי הטבע], איז ער געקומען אהערצו,

און די ערשטע הדגשה זיינע איז געווען, אז זיין קומען אהערצו איז ניט אזוי צוליב הצלת עצמו, נאר מצד דערויף ער זאל קענען אהערצו אריבערברענגען דעם געדאנק, אז אמעריקע איז ניט אנדערש, אז דאס זאל זיך איבערגעטייטשט ווערן און דאס זאל דורכגעפירט ווערן במעשה בפועל – וואס לכאורה איז דאס א דבר והיפוכו!

וואס דער ביאור בזה איז בהמשך ווי גערעדט פריער, אז בשעת מ'קוקט אויף א זאך אויסווייניק, בחיצוניות פון איר, אדער מ'קוקט מערניט אויף אירע תוצאות און דער שלב הכי תחתון – אט דעמאלט האט מען ניט די ריכטיקע "בילד", ניט דעם ריכטיקן פארשטאנד פון דער גאנצער זאך, ביז וואנענט אז דאס קען גאר זיין מן ההיפך אל ההיפך, מן הקצה אל הקצה.

על דרך זה אויך בנוגע צו קומען אין ארצות-הברית, איז בשעת מ'קוקט אויף דערויף אלס אן ענין בפני עצמו, איז דאס ווערט דאס דעמאלט א דבר הפשוט, אז דאס איז געווען די הצלה בדרך הטבע, דערפאר וואס דא איז אנדערש ווי ס'איז געווען דעמאלט מעבר לים אין דער מדינה פון וועלכע מ'איז אוועקגעפארן;



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תצוה

בשעת מ׳קוקט אבער אויף עיקר הענין, אז די שליחות זיינע ווי ער האט זיך באטראכט איז, אויף פארפלאנצן און פארשפרייטן און פארשטארקן אידישקייט, און אז דאס איז תכלית בריאתו און תכלית פון זיין שליחות בעולם הזה,

וואס דאס איז די זעלבע זאך ווי ער איז געווען מעבר לים, איידער ער איז אנגעקומען אהינצו, איז דאס געווען זיין עיקר שליחות און זיין עיקר עבודה ״אשר עבד בה״ כל ימי חייו, ״כל עמלו אשר עמל״, ווי דעם לשון פון דעם אלטן רבי׳ן אין אגרת-הקודש הידוע,

וואס מצד דעם עיקר איז דאס ניט אנדערש — דאס איז פונקט די זעלבע זאך!

נאר דארטן קומט דאס ארויס אין יענעם מעמד ומצב — אין מעשים וואס זיי זיינען מתאים צו יענעם מעמד ומצב, וואס דערפאר איז דאך אויך דארטן האט ער זיך אויך פארנומען מיט פארשפרייטן אידישקייט לויט דעם מעמד ומצב דארטן צווישן די אידן וואס האבן זיך דארט געפונען במעמדם ומצבם,

און קומענדיק אהערצו האט ער גלייך מכריז געווען דעם עיקר זיינעם, וואס דאס איז אויך דער טפל און טפל דטפל, ווארום אלע מעשים זיינען דורכגענומען מיט דעם געדאנק, וואס דאס איז דער עיקר געדאנק, פון הפצת היהדות, ביז אין שלימות היהדות, פון מאחד זיין און מקרב זיין אידן צוזאמען,

וואס דאס איז אויך, כאמור, דער אפטייטש און דער איבערטייטש פון ״אמעריקע איז ניט אנדערש״ פאר אנשים כערכנו, אין עבודתו בחיי יום יום,

אז ער קען דאך טענה׳ן, אז בשעת ער זעצט זיך עסן זאל מען אים ניט טומלען אז ער האט אויף זיך א שליחות אויף לעשות לו יתברך דירה בתחתונים, ווארום ער דארף עסן רואיקערהייט און מ׳קען אים ניט מבלבל זיין מיט א צווייטע זאך; אף-על-פי וואס דאס איז זייער א וויכטיקע זאך — ס׳איז אבער ניט איצטער דער זמן אויף דעם! ועל דרך זה בשתיתו, משאו ומתנו באמונה, בשעת ער גיט צדקה וכיוצא-בזה.

זאגט מען אים, אז ״אמעריקע איז ניט אנדערש״:

בשעת דו זעצט זיך אוועק עסן — ביסטו ניט אנדערש פון אט דער צייט ווען דו שטייסט שמונה-עשרה ״כעבדא קמי׳ מרי׳״[1]. דער חילוק איז נאר, אז דעמאלט דריקט זיך דאס אויס באופן גלוי לעיני בשר דורך דערויף וואס דו ביסט מתפלל תפילת שמונה-עשרה וכיוצא-בזה; בשעת דו ביסט אוכל ושותה, ביסט

1) שבת דף י׳ ע״א, זהר ח״ג רכג, א.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תצוה

אבער אוכל ושותה ווי א "חכם", ווארום ער געהערט צו "עם חכם ונבון"[2] – דו דינסט דעם אויבערשטן על ידי האכילה! והא ראי׳: האסט פריער געמאכט א ברכה לפני האכילה, ולאחרי האכילה – ער האט געגעסן כשיעור – איז אט דעמאלט מאכט ער א ברכה אחרונה.

וואס אט דעמאלט ווערט ביי אים א גאנצער טאג, אז דער גאנצער טאג איז דורכגענומען מיטן זעלבן געדאנק – אף-על-פי וואס על-פי תורה דארף ער זיין אנדערש אין כמה וכמה ענינים פרטים בנוגע צו חיצוניות הענינים, אבער ס׳איז אלץ די זעלבע נשמה.

—— • ——

2) דברים פרק ד׳ פסוק ו׳.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.